# פּובליק עוועילעביליטי סעסיע

פאַר'ן פּובליק צו קענען צוקומען און דורכרעדן

**טאָג:** **מאָנטאָג, אקטאָבער 28, 2013**

**צייט:** **6:00 - 9:00 ביינאַכט**

**פּלאַץ:** **60 דיוויזשאָן עוועניו**

**טעמע:** **'רעמידיעל' אויפרייניגונג פּלאַן 500 קענט עוועניו**

**צוגעשטעלט דורך:** **קאָן עדיסאָן און די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענווייראָמענטעלע קאָנסערוואַציע**

---

קאָן עדיסאָן, אונטער די איבערזיכט פון די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענווייראָמענטעלע קאָנסערוואַציע (NYSDEC) און די ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו העלט (NYSDOH), האָלט ביים אָנהייבן אַ 'רעמידיעל' אויפרייניגונג פּראָיעקט פאַר 500 קענט עוועניו. דער שטח איז פריער געווען דער פּלאַץ פון אַ קאָן עדיסאָן עלעקטעריק גענעראַטאָר סטאַנציע.

די אויפרייניגונג וועט באַזייטיגן זאַמד פון די דרום און צפון טיילן פונעם שטח אַראָפּ ביז 7-10 פיס טיף און עס וועט געדויערן אַרום 12 חדשים. עס וועלן אונטערגענומען ווערן אַ צאָל מאָסנאַמען צו באַשיצן די אַרומיגע געמיינדע. דאָס וועט איינשליסן: אַרבעטן אינערהאַלב אַן אַרומגעצוימטן שטח מיט ווענט וואָס וועלן אויסגעשטעלט ווערן לענגאויס ערטער מיט אַקטיווע גראָבונגען, נאַס מאַכן אַלע מאַטריאַלן, צודעקן אומאַקטיווע הויפענס פון שמוץ, און באַאָבאַכטען די לופט. עס וועלן אויך איינגעשטעלט ווערן צוויי פּראָגראַמען צו מעסטן די לופט צו אַדרעסירן מעגליכע (1) אָרגאַנישע פּאַרע און שטויב, און (2) אַזבעסטאָס שטיקלעך.

ביי די 'פּובליק עוועילעביליטי סעסיע', וועלן מיטגלידער פון די געגנט קענען אַריינקומען צו 60 דיוויזשאָן עוועניו סיי וועלכע צייט צווישן 6:00 און 9:00 ביינאַכט, אום מאָנטאָג, אָקטאָבער 28, צו רעדן מיט'ן שטאַב פון קאָן עדיסאָן און NYSDEC וועגן די אויפרייניגונג און ענווייראָמענטעלע געזונטהייט און זיכערהייט מאָסנאַמען.

אויב איר האָט סיי וועלכע פראַגעס וועגן דעם מיטינג אָדער קאָן עדיסאָן רעמידיעל אויפרייניגונג פּלאַן, ביטע רופט קאָן עדיסאָן אויף 877-602-6633 אָדער גייט צו קאָן עדיסאָן'ס וועב-זייטל אויף www.coned.com/mgp (גייט צום קענט עוועניו קנעפּל).